בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת נח תשע"ח | שבת ראש חודש | א פרייליכן חודש | גליון 428 [שנה ט']

**נח האט מוכיח געווען מיט חכמה**

וַיּוֹלֶד נֹחַ שְׁלֹשָׁה בָנִים אֶת־שֵׁם אֶת־חָם וְאֶת־יָפֶת: (ו י) פרעגט דער רמב"ן אז עס שטייט דאס שוין פריערט (ה' ל"ב) וַיְהִי־נֹחַ בֶּן־חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד נֹחַ אֶת־שֵׁם אֶת־חָם וְאֶת־יָפֶת? נאר די תורה וויל דערציילן אז ער האט נאר געהאט די דריי זין און נישט טעכטער, און נישט אזוי ווי זיינע עלטערן. נאר מען קען זאגן א אנדערן טעם, ווייל אלע פרעגן אויב נח איז געווען א צַדִּיק תָּמִים פארוואס האט ער נישט מוכיח געווען זיין דור? נאר באמת נח האט יָא מוכיח געווען זיין דור מיט חכמה און האט געגעבן די נעמען פון זיינע דריי זין וואס יעדע נאמען איז מרומז צו די זינד פונעם דור המבול און ווען ער האט גערופן זיינע קינדער איז דאס געווען א ווארענונג צום דור, אזוי ווי מען טרעפט אז מען האט געגעבן א נאמען לויטן דור אלץ א ווארענונג: וַתֵּלֶד בַּת וַיֹּאמֶר לוֹ קְרָא שְׁמָהּ לֹא רֻחָמָה כִּי לֹא אוֹסִיף עוֹד אֲרַחֵם אֶת־בֵּית יִשְׂרָאֵל' (הושע א' ו'). און דער דור המבול האט עובר געווען אויף ער"ז, גילוי עריות און חָמָס און גֶּזֶל, דעריבער האט ער געגעבן דער נאמען שֵׁם, זיי מוכיח זיין אויף ער"ז, אזוי ווי עס שטייט הָבָה נִבְנֶה־לָּנוּ עִיר וּמִגְדָּל וְרֹאשׁוֹ בַשָּׁמַיִם וְנַעֲשֶׂה־לָּנוּ "שֵׁם" (בראשית יא ד) וואס שֵׁם מיינט ער"ז. חָם, איז מרומז אויף חָמָס און גֶּזֶל. יֶפֶת איז מרומז אויף ג"ע, אזוי ווי עס שטייט וַיִּרְאוּ בְנֵי־הָאֱלֹהִים אֶת־בְּנוֹת הָאָדָם כִּי טֹבֹת שיין הֵנָּה: (פסוק ב), און דאס איז יָפֶת– שיין, דאס שטייט אין פסוק: אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו: ווערסטו פרעגן אויב אזוי פארוואס האט ער נישט מוכיח געווען זיין דור? דעריבער חזר'ת איבער די תורה וַיּוֹלֶד נֹחַ שְׁלֹשָׁה בָנִים אֶת־שֵׁם אֶת־חָם וְאֶת־יָפֶת: צו לערנען אז מיטן רופן די דריי נעמען האט ער יא מוכיח געווען דעם דור. (קובץ הבאר תרפ"ג מהגאון ר' יוסף פיימער מסלוצק)

<u>די חכמה פון נח:</u> קומט אויס לויט דעם פשט האט נֹחַ מוכיח געווען מיט חכמה, איז גוט דעם רמז וואס דער בעל הטורים שרייבט אז די ס"ת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ איז חכ"ם, און עס שטייט אין הייליגן ספר תולדות יעקב יוסף אז צַדִּיק תָּמִים איז מרומז אז נח איז געווען שטארק נזהר אין דעם בין אדם לחבירו, קען מען זאגן אזוי ווי מען דערציילט פון רבי ר' זושא זצוק"ל וואס ווען א איד איז אריינגעקומען, האט ער געזאגט: זושא! האסט דאך אזוי און אזוי געטאן!! און יענער האט פארשטאנען אז מען מיינט אים און האט תשובה געטאן, דאס איז געווען די חכמה און די בין אדם לחבירו פון נח, ביים מוסר'ן זיין דור. (שמח זבולון תשע"ח)

**א שיינע דרוש אויף נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים**

נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו: (ו ט) עס זענען דא עטליכע דיוקים: שטייט אז נח איז געווען א צַדִּיק בְּדֹרֹתָיו, און שפעטער שטייט כִּי־אֹתְךָ רָאִיתִי צַדִּיק לְפָנַי בַּדּוֹר הַזֶּה: (ז א) א צדיק נאר אין דעם דור? אויך דארף מען פארשטיין וואס זענען די דריי מדריגות אִישׁ, צַדִּיק, און תָּמִים? נאר עס שטייט אז נח האט געהאט דריי חסרונות, עס שטייט אין זוהר הק' (ח"א סז ב) פארוואס הייסט דער מבול מֵי־נֹחַ אזוי ווי דער נביא זאגט (ישעיהו נד ט) כִּי־מֵי נֹחַ זֹאת לִי אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי מֵעֲבֹר "מֵי־נֹחַ" עוֹד עַל־הָאָרֶץ? נאר ווייל נח האט נישט מתפלל געווען אויפן דור אז דער אויבערשטער זאל זיי מוחל זיין און משה רבינו האט זיך מוסר נפש געווען און מתפלל געווען אז דער אויבערשטער זאל מוחל זיין די אידן, זאגט דער מדרש תנחומא (פ' נח אות יג) אז משה האט זיך ארויף געארבעט פון א אִישׁ מִצְרִי צו ווערן א אִישׁ הָאֱלֹקִים נאר דורך מתפלל זיין פאר כלל ישראל און נח איז געפאלן פון א אִישׁ צַדִּיק צו א אִישׁ הָאֲדָמָה, ווייל ער האט נישט מתפלל געווען, אויך שטייט אז נח איז געווען מִקְּטַנֵּי אֱמוּנָה מאמין ואינו מאמין דעריבער האבן די וואסערן אים אריינגעשטופט אין די תֵּיבָה, און נאך א חסרון: ער האט נישט מקיים געווען מצוות מילה, און עס שטייט פון אריז"ל אין שער הגלגולים (הקדמה יא) אז א צדיק וואס פעלט אים נאר קליינע חסרונות און דער אויבערשטער האט רחמנות אז ער זאל נישט צוריק קומען א גילגול און נישט חלילה קיילע מאכן, נעמט דער אויבערשטער די נשמה פון דעם צדיק און לייגט דאס אריין אין א אנדערן צדיק און אזוי פאררעכט ער דעם חסרון, און דער צדיק דארף נישט אראפקומען נאכאמאל. האט דער אויבערשטער אריינגעגעבן די נשמה פון נֹחַ אין אברהם וואס ביי אברהם שטייט הִתְהַלֵּךְ לְפָנַי וֶהְיֵה תָמִים וְאֶתְּנָה בְרִיתִי בֵּינִי וּבֵינֶךָ, (בראשית יז א–ב) אברהם איז געווען א תָּמִים מיט מילה און וְהֶאֱמִן בַּה' וַיַּחְשְׁבֶהָ לּוֹ צְדָקָה (בראשית טו ו) און וּמָצָאתָ אֶת־לְבָבוֹ נֶאֱמָן לְפָנֶיךָ (נחמיה ט ח) אויך א מאמין: איז דאס תָּמִים און אֱמוּנָה, צו מתקן זיין ביי נֹחַ וואס האט אים געפעלט אין תָּמִים, מילה, און מִקְּטַנֵּי אֱמוּנָה: און וועגן דער חסרון פון נישט מתפלל זיין אויפן דור איז נֹחַ אריין אין נשמת מֹשֶׁה [און אזוי שטייט אין ליקוטי הארי"ז ז"ל (געברענגט אין ילקוט ראובני פ' תצוה בשם מגלה עמוקות) וואס ענדע פרשת תרומה שטייט וְכָל־יִתְדֹת הֶחָצֵר נְחֹשֶׁת וְאַתָּה תְּצַוֶּה אז אין משה רבינו ע"ה איז אריין נשמות נֹחַ און שֵׁת] מיט דעם איז פארענטפערט וואס זענען די דריי מדריגות: אִישׁ מיינט מֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹקִים און צַדִּיק איז נֹחַ, און תָּמִים מיינט אברהם, דעריבער שטייט בְּדֹרֹתָיו: אין די קומענדיגן דורות וועט נֹחַ זיין א אִישׁ צַדִּיק תָּמִים דורך די הילף פון אברהם און משה, אבער יעצט, אֹתְךָ רָאִיתִי צַדִּיק לְפָנַי "בַּדּוֹר הַזֶּה": אין דעם דור ביזטו נאר א צדיק. פלאי פלאים.(בן לאשרי– המקובל מרעננה ר' הוברמן– תלמיד סאכאטשוב)

**פריערט גיט מען עסן פאר בהמות און נאכדעם פארן מענטש**

וְאַתָּה קַח־לְךָ מִכָּל־מַאֲכָל אֲשֶׁר יֵאָכֵל וְאָסַפְתָּ אֵלֶיךָ וְהָיָה לְךָ וְלָהֶם לְאָכְלָה: (ו כ"א) לכאורה איז שווער פארוואס שטייט דא פריערט לְךָ וְלָהֶם, ווען חז"ל דארשנען (ברכות דף מ.) אויפן פסוק וְנָתַתִּי עֵשֶׂב בְּשָׂדְךָ לִבְהֶמְתֶּךָ וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ (יא ט"ו) אז מען דארף פריערט געבן צו עסן לִבְהֶמְתֶּךָ די בהמות און נאכדעם וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ פארן מענטש, וואלט געדארפט שטיין וְהָיָה לָהֶם וְלְךָ לְאָכְלָה? נאר מען קען ענטפערן לויט וואס די עִקְּרֵי הַדַּ"ט (או"ח סי' ט') פסקענט אויב די עסן פון דעם מענטש און בהמה זענען גרייט, איז נישטא די דין פון געבן די בהמות פריערט דעריבער שטייט אין פסוק מִכָּל־מַאֲכָל אֲשֶׁר יֵאָכֵל וְאָסַפְתָּ אֵלֶיךָ, וואס וְאָסַפְתָּ מיינט די עסן זאל זיין גרייט דעריבער קען שוין זיין לְךָ און נאכדעם וְלָהֶם. אויך קען מען ענטפערן אז די ווערטער מִכָּל־מַאֲכָל אֲשֶׁר יֵאָכֵל קומט צו מחדש זיין אז מען זאל ברענגען מערערע עסן וואס א מענטש קען עסן ווייל די סארט עסן פון א מענטש קען מען געבן פאר בהמות אבער רוב עסן פון א בהמה קען דער מענטש נאר עסן בדוחק, דעריבער שטייט קודם וְהָיָה לְךָ, די עסן זאל זיין גוט לְךָ, פאר די מענטשן, ממילא וועלן זיי אויך זיין לָהֶם, פאר די בהמות. איז גוט אז דער פסוק קומט נישט זאגן אז פריערט זאל מען געבן עסן פאר דעם מענטש. (אברהם אנכי ר' אברהם ב"ר חיים פאלאז'י)

# מדור העובדות

## דער בארדיטשובער צדיק ברענגט עשירות דורך א חלום

דער הייליגער צדיק ר' לוי יצחק מבארדיטשוב זצוק"ל (יארצייט איז געווען כ"ה תשרי.) האט געהאט א חסיד וואס האט פלוצליגט פארלוירן זיין גאנצן פארמעגן און איז געווארן א גרויסער בעל חוב, זייענדיג צוגעוואוינט צו א רייכע לעבן איז געווען זייער שווער אנצונעמען דער נייעם מצב און ער האט פרובירט זיך זייער צו שטארקן, וועגן דעם איז ער געפארן צום הייליגן צדיק און כסדר אוים גערעדט זיין שווערע לאגע און די אונטער דריקונג פון די בעלי חובות, אבער דער רבי זאגט אים ער זאל נישט זיין באזארגט און דער אויבערשטער וועט אים זיכער העלפן.

אבער די צייט רוקט זיך און דער חסיד זעט נישט קיין ישועה און ער שעמט זיך צו זיין ביי אים אין שטאט און פארט קיין בארדיטשוב און גייט אריין צום רבין און זאגט ער האט נישט פארוואס אהיים צופארן אן א ישועה. דער רבי טראכט און זאגט איך האב נאר איין עצה פאר דיר: גיי קויף א לאטארי בילעט -פיים- און דער אויבערשטער וועט דיר העלפן זאלסט האבן די בילעט מיט די ריכטיגע נומערן און וועסט צוריק ווערן א עושר, זאגט אים דער חסיד אבער ביז מען קויפט און ביז מען ווייסט וועלכע נומער איז ריכטיג און ביז מען באקומט די געלט וועל איך זיך נישט קענען אויסהאלטן פון די בעלי חובות, און איך האב זייער ווייניג אויפן טעגליכע לעבן, האט דער צדיק געזאגט אז דער אויבערשטער וועט נאך העלפן איידער ער וועט וויסן צו זיינע נומערן זענען ריכטיג! דער חסיד גלויבט אין די ווערטער פון צדיק אבער עס איז אים געווען שווער צו פארשטיין ווי אזוי וועט ער קענען גלייך מצליח זיין!

דער חסיד נעמט א ברכה פון צדיק און פארט אריין אין די גרויסע שטאט צו קויפן זיין לאטארי, עס איז שוין געווען פארנאכט'ס האט ער מחליט געווען אריינצוגיין אין א קרעטשמע זיך איבערנעכטיגן, יענע טאג איז אויך געפארן א יונגער פריץ קויפן די לאטארי ווייל די פארדינסט האט געדארפט זיין צען טויזנט גאלדענע רענדלאך, און דער פריץ האט געוואלט פראבירן זיין מזל, און דער יונגער פריץ איז אויך געקומען איבערנעכטיגן אין יענע קרעטשמע. דער פריץ לייגט זיך שלאפן און חלומ'ט אז א איד וואס געפינט זיך אין די קרעטשמע האט געקויפט א לאטארי וואס האט די ריכטיגע נומערן, און ער זאל זען זיך טוישן מיטן איד, דער פריץ לאכט זיך אויס פון חלום און לייגט זיך ווייטער שלאפן אבער ווען דער חלום האט זיך איבער געחזר'ת דריי מאל האט ער מחליט געווען ער וועט אויספרובירן זען צו דאס איז א אמת'ע חלום צו נישט!

ער האט אויפגעוועקט איינע פון זיין באדינער'ס אינמיטן זיין בעסטע שלאף און הייסט אים גיין זען צו עס איז דא א איד אין קרעטשמע וואס האט געקויפט א לאטארי, און אויב יא זאל ער אים ברענגען דא, דער באדינער פארשטייט נישט וואס דער פריץ וויל פון אים אינמיטן די נאכט אבער ווען דער פריץ האט אים געווארנט מוט זיין ביקס, האט ער געמוזט זיך אנטאן און גיין פון צימער צו צימער ביז ער האט געטראפן דעם איד וואס האט געקויפט די לאטארי און כַאפט אים אן און ברענגט אים צום פריץ, דער איד קומט צום פריץ א דערשראקענער און ווען דער פריץ פרעגט אים צו ער האט געקויפט א לאטארי? האט ער געענטפערט יא! פרעגט אים דער פריץ צו ער וויל זיך טוישן מיט אים? האט דער איד געענטפערט אז ער קען נישט, פרעגט אים דער פריץ פארוואס נישט? ענטפערט דער חסיד אז זיין רבי האט געבענטש זיין בילעט, האט דער פריץ געזאגט אהא! יעצט זע איך אז דער חלום איז אמת און איך מוז האבן דיין בילעט!

איך וועל דיר יעצט געבן טויזנט גאלדענע רענדלאך, אבער ווען דער איד זאגט אז דער בילעט וועט אים ברענגען אסאך מער פון טויזנט רענדלאך האט דער פריץ געהייסן זיינע באדינערס צובינדן דעם איד און מען האט אים אונטערגעזוכט און צוגענומען זיין בילעט און דער פריץ האט אים געגעבן די טויזנט רענדלאך און זאגט אז דו קענסט גיין און זיי צופרידן איך האב נישט צוגענומען דיין בילעט און דיר גארנישט געגעבן!

דערווייל דער חסיד האט געזען אז ער איז אריינגעפאלן און ער האט נישט קיין ברירה אבער חאטש טויזנט רענדלאך איז עפעס געלט, דער פריץ רופט צו דער חסיד און זאגט איך וויל זיין א ווארט'ס מאן און איך גיב דיר מיין בילעט אזוי ווי מיר האבן אפגערעדט, דער איד גייט צוריק צו זיין צימער און דער פריץ גייט צוריק שלאפן, אויף צו מארגנ'ס זענען זיי אלע אהיים געפארן און דער חסיד האט יעצט א קליין פארמעגן און וועט קענען באצאלן אביסל חובות און קענען לעבן פון דעם.

דער חסיד שטארקט זיך און וויל אוועקווארפן די בילעט פון פריץ, אבער זיין הארץ האט געזאגט ער זאל דאס האלטן און האט אוועק געלייגט דער בילעט פון פריץ אין זיין ליידל, און פירט ווייטער זיין לעבן, ער ווארט אויפן טאג וואס מען קלייבט די נומערן פון לאטארי און ווען ער הערט די נומערן וואונדערט ער זיך אז זיי זענען נישט די נומערן פון זיין בילעט וואס דער פריץ האט ביי אים צוגענומען, קען דען זיין אז דער צדיק האט זיך טועה געווען? אבער ער דערמאנט זיך אז ער האט דאך דעם בילעט פון פריץ און זוכט דאס אויף און ווערט נשתומם אז גאר דער בילעט פון פריץ איז געווען די ריכטיגע נומערן!

דער חסיד פריידט זיך און פארט אין די גרויסער שטאט און וויזט זיין בילעט און מען באשטעטיגט דאס און ער באקומט א חלק געלט און א שטר אז ער וועט באקומען די אנדערע געלט. דערווייל איז ער אריינגעפארן קיין בארדיטשוב איבערגעבן דעם צדיק וואס איז געשען, ר' לוי יצחק לאכט און זאגט אז ער האט נישט געזען קיין עצה פאר אים האט ער געמוזט צווינגען דער שַר פון חֲלוֹמוֹת זאל קומען צום פריץ ער זאל דיר געבן זיין בילעט וואס האט געדארפט געווינען כדי זאלסט געהאלפן ווערן. דער חסיד האט געדאנקט דעם צדיק און איז געווארן צוריק א עושר און א גרויסער בעל צדקה זיע"א.

דער גליון איז מוקדש לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י היה בן 14 ועזר הרבה בהפצת הגליון, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

ספר גבעת פנחס על איוב מהמגיד מפאלצק תלמיד הגר"א נדיר מאוד $5000. ספר "והוא שאול" פולמוס על החיים באמעריקא מיוסד על שיר השירים באסטאן תרע"א $1000, חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א $5000 שו"ת חת"ם סופר ב' כרכים עם חתימות הצדיקים ממעליץ קראקא ר' יעקב הורוביץ ור' אלעזר הורוביץ 2000$ ספר עם חתימת הרה"ק ר' אביש מקראלא עם קמיע $7000, ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180 הרבה ספרים עם חתימות של צדיקים ספר טל חיים ליסקא שייך להרה"ק ר' יהושע הלברשטאם מדאלינא 1000$, ספר מנוחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע"י חפץ חיים $400 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , מעבר יבוק דפוס זיטאמיר $1000, ברית אברהם דפוס ראשון $1800 , באר מים חיים שמות דפוס זיטאמיר $1500 ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר"א דפו"ר שייך להגאון ר' שמואל העללער $2000

**If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge**

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to-pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***